# נקדישך

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאווענען**

גליון ד׳

## געראטעוועט מיין פרנסה...

כ׳וויל מיטטיילן דא א מעשה וואס כ׳האב געהערט פון א איד, וואס עס וועט זיכער זיין לתועלת הרבים עס מפרסם צו זיין. לאמיר עס איבערגעבן אין דעם איד׳ס אייגענע ווערטער:

איך פיר אן א גרויס געשעפט שוין אסאך יארן אין איינער פון די לעבהאפטע אידישע געגנטן, מיט אסאך הצלחה, ב״ה. א צייט צוריק האב איך באמערקט אז כאטש עס קומען פיל קאסטומערס אין מיין געשעפט, קומט עפעס מער נישט אריין קיין געלט, נאר פארקערט, יעדע וואך ווען איך מאך א שטיקל חשבון, זע איך אז איך האב גאר דערלייגט געלט, און נאך געמוזט צולייגן געלט בלויז כדי איך זאל ווייטער קענען צאלן ארבעטערס, אז דאס געשעפט זאל ווייטער קענען עקזיסטירן. וויפיל כ׳האב פרובירט דערגיין די פראבלעם, וואס עס שטימט נישט דארט, איז עס מיר אלץ נישט געלונגען. איך האב נישט באוויזן צו טרעפן די פראבלעם.

שטייענדיג אין דעם שווערן מצב און צוזעענדיג מיט די אויגן ווי מיין בליענדער ביזנעס גייט בארג-אראפ, האב איך גענומען דעם ״הליכות החיים״ גליון אין האנט אריין, און נאכ׳ן עס דורכלערנען האב איך געזען אויף דער לעצטער זייט א מעשה, ווי איינער פון די חשוב׳ע רבנים האט ביי א דרשה וועגן נישט רעדן ביים דאווענען צוויישן זיינע ווערטער געזאגט: ״איך זאג צו פאר יעדן בפה מלא אז דער וואס נעמט זיך פאר נישט צו רעדן דעם יאר פון אדון עולם ביז אדון עולם וועט אים נישט פעלן קיין פרנסה פון אדון עולם ביז אדון עולם (פון דעם ראש השנה ביז׳ן אנדערן יאר ראש השנה)״, און דארט איז געשטאנען אן עובדא פון א איד ביי וועמען דאס איז טאקע מקויים געווארן. אין א מיין שווערן מצב, האב איך דאן באשלאסן אז איך וועל אויך פרובירן צו טון די עצה. אָן עס דערציילן פאר קיינעם, האב איך ביי מיר אין הארץ מחליט געווען אז איך וועל מער נישט רעדן במשך פונעם גאנצן דאווענען - פון אדון עולם ביז אדון עולם, סיי שבת און סיי אין דער וואכן, און אזוי אויך בשעת קריאת התורה, ווען איך פלעג פריער זיך אמאל ערלויבן אויסצוטוישן א ווארט מיט די באקאנטע, האב איך זיך יעצט מקבל געווען צו זיין שטיל. (מיינע שכנים אין שול האבן נישט געוואוסט וואס עס האט פלוצלינג פאסירט מיט מיר, זיי האבן געמיינט אז כ׳בין געווארן פאר׳מרה-שחורה׳ט...)

ס׳איז אריבער צען טעג פון יענעם שבת. זיצנדיג אין מיין אפיס פארזארגט וועגן מיין פינאנציעלן מצב, קלינגט ביי מיר דער טעלעפאן, און א פרוי פון בארא פארק זאגט מיר אז זי דארף וויכטיג רעדן צו מיר עפעס פערזענליך. נישט וויסנדיג ווער עס איז די פרוי, און וואס זי וויל, האב איך נישט געהאט קיין חשק דערצו. ווען די פרוי האט געזען אז איך האלט נישט דערביי, האט זי מיר א זאג געגעבן, ״איך בין א אידישע פרוי, און איך וויל אייך העלפן, אבער אז איר ווילט נישט, איז נישט. אבער איר זאלט וויסן, אז עס איז פאר אייער טובה.״ הערנדיג דאס, האב איך זיך מיישב געווען און געזאגט אז איך בין מסכים צו רעדן מיט איר איבער דעם ענין, און מיר האבן אפגעשמועסט א צייט זיך צו טרעפן.

דעם אנדערן טאג, בין איך געגאנגען צום אפגעשטימטן פלאץ, און איך האב דארט געטראפן די אידישע פרוי. מיט איר איז מיטגעקומען א נישט-אידישע פרוי וועלכע פלעגט ארבעטן ביי מיר אין געשעפט, און האט זיך ממש פאר דעם געהאט אפגעזאגט פון דער ארבעט. די אידישע פרוי האט אנגעהויבן רעדן גראד צום ענין און דערציילט: ״א צייט צוריק, זענען ניין פון אייערע ארבעטערס אין געשעפט אויפגעקומען מיט א געלונגענעם פלאן ווי אזוי ארויסצו׳גנב׳ענען וועכנטליך געלט פונעם געשעפט אָן דעם וואס איינער זאל דערפון געוואויער ווערן. זיי האבן געמאכט א יד אחת מיט דעם בוכהאלטער וואס קען אויסמעקן און צולייגן חשבונות אין קאמפיוטער, און זיי האבן בשתיקה גע׳גנב׳עט פון דיר אלפי אלפים. די חבורה באנדיטן האבן אויך געבעטן ביי אט-דער גויטע, אז זי זאל מיטארבעטן מיט זיי און זי וועט אויך באקומען פון די רווחים. זי האט אבער געוואלט בלייבן געטריי צום געשעפט און נישט מסכים געווען זיך צו באטייליגן אין דער שווינדלעריי, און דעריבער האט זי באשלאסן זיך אפצוזאגן פון דעם דזשאב.

״א צייט צוריק,״ דערציילט ווייטער די אידישע פרוי, ״האט די גויטע, וועלכע איז מיינע א שכנ׳טע, מיר דערציילט אז זי וואונדערט זיך ווי אזוי מיין געשעפט קען נאך אנהאלטן, נאכדעם וואס זי ווייסט אז אויף א כיטרען אופן שפילט מען מיך אויס וועכנטליך מיט א ריזיגן סכום געלט. ווען כ׳האב איר געפרעגט פארוואס זי דערציילט קיינעם נישט דערוועגן, האט זי געענטפערט אז איר מאן, וועלכער איז א מוסולמענער, האט איר געסטראשעט מיט׳ן לעבן אויב זי וועט עס אייך דערציילן. ווען איך האב איר אבער שטארק איבערגערעדט דערצו, האט זי מסכים געווען צו קומען צוזאמען מיט מיר און עס אייך דערציילן.״

ווען די פרוי האט אנגעהויבן מיר ארויסגעבן די נעמען, ווער עס איז אלץ פארמישט דערין, האט עס מיר ממש געשווינדלט פאר די אויגן. נאך יעדן נאמען האב איך געטראכט, צי איך הער נישט גוט... איך האב נישט געגלייבט ווי מיינע געטריישטע ארבעטער, וואס כ׳האב זיי געטרויט מיט אלעם, זאלן דאס טון צו מיר. אט דאס איז עס געווען די וויכטיגע ידיעה וואס די פרוי האט געדארפט מיט מיר האבן.

ווען איך האב געהערט די גאנצע געשיכטע, האב איך אנגערופן דעם וואס איז פאראנטווארטליך אויף מיינע קאמפיוטערס און אים דערציילט וועגן דעם גאנצן ענין, און ער האט אויף א גרינטליכן וועג אויסגערעכנט ווי אזוי מיר קענען דערגיין דעם גאנצן שווינדל. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די ניין ארבעטערס צוזאמען האבן ארויסגערוקט פונעם געשעפט א סכום פון איבער א האלבן מיליאן דאלער....

פארשטייט זיך, אז דעם אנדערן טאג האב איך אפגעזאגט אט-די אלע ארבעטערס פון זייערע שטעלעס, און עס האט גענומען א צייט ביז דאס געשעפט האט זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס. פירט דער איד אויס צו מיר: איך בעט אייך, שרייבט אראפ די מעשה לזכות את הרבים, און אלס ״אל

"תמנע טוב מבעליו" וויל איך עס מפרסם זיין אין דעם גליון הנודע לתהלה.

דאס איז דער ערשטער חלק פון דער מעשה. דערציילט דער איד ווייטער: כ'האב א באקאנטן, א פריילעך אידל, מיט וועמען איך פלעג זיך טרעפן יעדן צופרי אין בית המדרש. ס'איז דורך א תקופה וואס כ'האב נישט געזען דעם איד פאר די אויגן, און כ'האב זיך זייער געוואונדערט פארוואס מען זעט אים נישט און מען הערט גארנישט פון אים.

איין טאג האב איך געטראפן זיין זון, פרעג איך אים: וואו איז דיין טאטע; צי גייט עפעס פאר מיט אים? "יא," ענטפערט דער זון מיט א קרעכץ. "מיין טאטע פילט זיך נישט גוט. עס האט אים אנגעכאפט א שוואכקייט, און ער איז שוין עטליכע וואכן נישט ארויס פונדערהיים. ער גייט נישט אין שול, ער גייט נישט צו דער ארבעט, ער איז שוין געווען ביי אלע סארט דאקטורים און זיי קענען נישט דערגיין וואס עס איז מיט אים."

עס האט מיר זייער וויי געטון צו הערן דעם מצב פון דעם יונגערמאן. ער איז געווען א שטיק לעבעדיגקייט. ווען ער איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד, האט יעדער געהערט פון אים א גוט ווארט, א ווערטל, און דא איז ער כלוא בבית, ר"ל, און ברענגט נישט אריין קיין פרנסה אין שטוב.

כ'האב אנגערופן דעם איד און געפרעגט, אויב איך קען אפשר אריבערקומען אים באזוכן, און מ'האט באשטימט א זמן ווען איך קען קומען.

איך בין אריין צו אים, און עס האט מיר אנגעכאפט א שוידער. דאס פריילעך אידל מיט'ן שמייכל איז געזעסן אינגאנצען פארזויערט און אפגעשוואכט. כ'האב אים פרובירט מחזק צו זיין און געפרעגט אויב איך קען אים דערציילן א מעשה. כ'האב אים דערציילט די גאנצע אויבנדערמאנטע מעשה, ווי מיינע ארבעטער האבן מיך אזוי בא'גנב'עט און ווי ממש צען טאג נאכ'ן זיך מקבל נישט צו רעדן פון "אדון עולם ביז אדון עולם", האב איך געזען א ישועה גדולה און געראטעוועט מיין גאנצע פרנסה.

זאג איך אים: הער מיר אויס. אפשר וויל מען עפעס פון הימל. זיי זיך מקבל אז דו רעדסט נישט קיין אות אחת פון ווען דו קומסט אריין אין שול ביז נאכ'ן דאווענען, און כ'האף אז דו וועסט שנעל געהאלפן ווערן.

ער טראכט א מינוט און זאגט: "יא, איך בין עס מקבל אויף זיך." ער גיט מיר די האנט און איך ווינטש אים אן אז ער זאל שנעל זען א גרויסע ישועה! דאס איז געווען פאר פסח. ערב שבועות קלינגט ביי מיר דער טעלעפאן, און דער איד זאגט מיט א געשטיקט קול: "יישר כח, ר'.... האסט מיר ממש געראטעוועט דאס לעבן, מיין משפחה, מיין פרנסה, און אויך מיין נשמה! זייט איך האב גענומען אויף זיך די קבלה, האב איך תיכף אנגהויבן פילן בעסער. איך בין צוריק ביי דער ארבעט געהעריג. ס'איז שוין דורך זעקס וואכן, און ס'איז שוין נישטא קיין זכר פון מיין גאנצער שוואכקייט."

און נישט נאר האט ער אויפגעהערט רעדן ביים דאווענען, נאר ער האט געמאכט א גאנצע מהפכה ביי זיין מנין יעדן צופרי. עס פלעגט זיין דארט א "ביזנעס- מנין". מען האט דארט געדאווענט אויפ'ן שנעלסטן טעמפא. דער עולם פלעגט שמועסן געמיטליך ביז "ברוך שאמר", און ביי "אשרי ובא לציון" האט מען געדארפט זיכער מאכן אז ס'זענען נאך דא צען אידן צו ענטפערן אויף קדיש...

דער איד האט יעצט אויסגענוצט זיינע כח השפעה און געמאכט דארט סדר. ער האט באשטימט א זמן, ווי לאנג עס דארף נעמען דאס דאווענען ביז שמונה עשרה, און ער האט זיכער געמאכט אז ס'איז דא בעל תפלה אין צייט, און אויב נישט איז ער אליין צוגעגאנגען צום עמוד. און אויב איינער האט דארט געשמועסט בשעת'ן דאווענען האט מען געקענט באקומען א פסק פון אים, אז עס האט זיך גארנישט געגלוסט ממשיך צו זיין. ברוך השם, דער איד איז געזונט און שטארק און האט ב"ה שיין פרנסה און נחת.

פירט דער איד אויס: כ'האב געזען אז רעדן ביים דאווענען, איז ווי מאכן לעכער אין זאק. מען קען אריינלייגן תפילות און בקשות, אבער עס ווערט צערינען און מען זעט נישט די ברכה, ר"ל. איך בין מייעץ יעדן איד וואס וויל האבן הצלחה, אדער וואס דארף א ישועה אין סיי וועלכע ענין בבני חיי ומזוני, אז ער זאל שוין דעם יו"ט מקבל זיין נישט צו רעדן קיין איין ווארט בשעת'ן דאווענען און בשעת קריאת התורה, און ער וועט געוויס זען גרויסע ישועות שלא כדרך הטבע. אכי"ר.

ידידכם, מוקירכם, פינחס שפיטצער

(גליון הליכות החיים)


בס"ד




טייערער טאטע

דיין אויפירונג ביים דאווענען און ביים לייענען דינט אלס א פערזענליכע ביישפיל פאר דיינע קינדער און פאר אלע ארומיגע

ומקדשי תירלו

מוגש כחומר למחשבה ע"י חברת "ויראת מאלקיך" - "ומקדשי תיראו" | להשיג חינם: 0533-199990 | a0573199990@gmail.com